**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/7/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 189 מיליאן דאלער צו פינאנצירן וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן**

***פראיעקטן געפונען זיך אין קאפיטאל ראיאן, צענטראל ניו יארק, מיטל-הודסאן, לאנג איילענד, מאוהאק וואלי, ניו יארק סיטי, נארט קאנטרי און סאוטערן טיער***

גאווערנער קעטי האוקול האט געמאלדן אז דער באָורד אָוו דירעקטאָרס פון ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ האט באוויליגט איבער 189 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר נייין מוניציפאליטעטן און פובליק אויטאריטעטן פאר קריטיש-וויכטיגע אפפאל-וואסער און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. די פינאנצירונג באוויליגט דורך דער באָורד רעכנט אריין קורץ-טערמיניגע פינאנצירונגען און פריער אויסגעמאלדענע גרענטס וועלכע וועלן ערמעגליכן פאר קאמיוניטיס צו באקומען קאפיטאל נויטיג אויף צו לאזן אין גאנג זייערע פראיעקטן אונטערוועגס, ווי אויך א לאנג-טערמיניגע הלוואה איבערבייטונג וואס ווידער-פינאנצירט אן עקזיסטירנדן פראיעקט אויף ביז דרייסיג יאר צו רעדוצירן די חוב עול אויף דער מוניציפאליטעט און העלפן שפארן שטייער-צאלער געלטער.

״מאדערניזירן אונזערע וואסער סיסטעמען איז קריטיש-וויכטיג צו פארשטערקערן די ווידערשטאנד-פעאיגקייט פון אונזער אינפראסטרוקטור און העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער קענען באקומען ריינע טרונק-וואסער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיין אדמיניסטראציע שטאלצירט זיך צו פריאריטיזירן קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, און די פינאנצירונג וועט העלפן ארטיגע אינסטאנצן איבערצוארבעטן פארעלטערטע וואסער און מיסט פארוואלטונג סיסטעמען, פארברייטערן צוטריט צו ריינע וואסער און פארבעסערן פובליק געזונטהייט.״

**׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ פרעזידענט און CEO מאורין עי. קאלמען האט געזאגט,** ״די געלטער ערמעגליכן דאס בויען טרונק-וואסער און מיסט-וואסער פראיעקטן אין קאמיוניטיס לענגאויס אונזער סטעיט. EFC דאנקט גאווערנער האוקול פאר פריאריטיזירן וואסער קוואליטעט און העלפן אונזער ארטיגע רעגירונג צוזאמארבעטער אונטערנעמען העכסט-נויטיגע פראיעקטן וואס באשיצט די ענווייראָנמענט און באזארגן ריזיגע בענעפיטן פאר קאמיוניטיס, פארשטערקערן סיי פובליק געזונטהייט און סיי די געזונטהייט פון אונזער עקאנאמיע.״

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ באורד פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול זעצט פאר ווייטער צו שטיצן און פריאריטיזירן די קריטיש-וויכטיגע סטעיט פינאנצירונג אפצוהיטן ריינע וואסער פאר אונזערע קאמיוניטיס איצט און בויען א ווידערשטאנד-פעאיגע סיסטעם וואס קען זיך קעגנשטעלן צוקונפטיגע ענווייראנמענטאלע דראונגען. DEC איז שטאלץ זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ און קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט צו העלפן ערזעצן און פארשטערקערן ניו יארק׳ס פארעלטערטע טרונק-וואסער און מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור סיסטעמען.״

**העלט דעפּאַרטמענט קאָמיסיאָנערין דר. מערי טי. באַסעט האָט געזאָגט,** ״די באַדייטנדע פינאַנציעל פאַרשפּרעכונגען פאַר באַהאַנדלען ניי-רעגולירטע אויפשטייגנדע פאַרפּעסטונגען וועלכע דראָען טרונק-וואַסער קוואַליטעט און פאַרזיכערן אַז פּאַסיגע אָפּפאַל-וואַסער אַפּפירן בויט געזונטערע קאָמיוניטיס און פאַרבעסערן דעם וואוילזיין פון אַלע ניו יאָרקער. עס פרייידט אונז צו קענען צושטעלן די שטיצע אין דער צייט וואָס קאָמיוניטיס אַרבעטן צו אָפּגרעיד׳ן און מאָדערניזירן פאַרעלטערטע וואַסער ליפערונג און סעפּטיק סיסטעמען.״

דאָס באַוויליגן דורך דעם באָורד רעכנט אַריין פינאַנצירונגען דורך דער ׳ריינע וואַסער סטעיט ריוואָלווינג פאַנד׳ (CWSRF) און ׳טרונק-וואַסער סטעיט ריוואָלווינג פאַנד׳ (DWSRF) און גרענטס פריער אויסגעמאָלדן אין איינקלאַנג מיט דער ׳וואַסער אינפראַסטרוקטור פאַרבעסערונג געזעץ׳ (WIIA). באַזוכט EFC׳ס [וועבזייטל]() אויף זיך צו לערנען מער איבער וואַסער אינפראַסטרוקטור פינאַנצירונג מעגליכקייטן.

**ריינע וואַסער פּראָיעקט פינאַנצירונג באַשטעטיגט:**

- טאַון אָוו קאָנסטאַנטיע אין אָסוועגאָ קאַונטי - 5,000,000 דאָלערדיגע WIIA גרענט, 15,400,000 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסטלאָזע פינאַנצירונג און 15,600,000 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע, מאַרקעט-ראַטע פינאַנצירונג צו פּלאַנירן און בויען דעם קאָנסטאַנטיע-בערנהאַרדס בעי סוּער דיסטריקט און פאַרברייטערונג פון ווילעדזש אָוו קליוולאַנד אָפּפאַל-וואַסער באַהאַנדלונגס פאַבריק.
- ווילעדזש אָוו פישקיל אין דוטשעס קאַונטי - 4,125,000 דאָלערדיגע גרענט און 17,375,000 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסטלאָזע פינאַנצירונג פאַר אָפּפאַל-וואַסער באַהאַנדלונגס פאַבריק אָפּגרעידס, פּאָמפּ סטאַנציע אָפּגרעידס און דאָס אינסטאַלירן אַ נייע קראַפט מעין.
- ווילעדזש אָוו לאָוויל אין לואיס קאַונטי - 1,017,000 דאָלערדיגע WIIA גרענט, 2,709,750 דאָלערדיגע WIIA גרענט, 2,806,628 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרי פינאַנצירונג, און 5,041,250 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע מאַרקעט-ראַטע פינאַנצירונג פאַר אָפּפאַל-וואַסער באַהאַנדלונגס פאַבריק פאַרבעסערונגען.
- שטאָט ראָום אין אָניידע קאַונטי - 2,160,300 דאָלער אין לאַנג-טערמיניגע אינטערעסטלאָזע פינאַנצירונג פאַר אַנאַעראָביק דידזשעסטאַר פאַרבעסערונגען.

**טרונק-וואַסער פּראָיעקט פינאַנצירונג באַשטעטיגט:**

- ווילעדזש אָוו פלאָרידע אין אָראַנדזש קאַונטי - 3,000,000 דאָלערדיגע WIIA גרענט און 2,290,000 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע, מאַרקעט-ראַטע פינאַנצירונג פאַר פילטרעישען סיסטעם אָפּגרעידס.
- ווילעדזש אָוו פאָרט עדוואַרד אין וואַשינגטאָן קאַונטי - 2,766,698 WIIA גרענט און 1,844,466 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע, מאַרקעט-ראַטע פינאַנצירונג צו ערזעצן אומגעפער 7,650 גלייכע פיס פון פאַרעלטערטע און פאַרזשאַווערטע וואַסער-מעין, ערזעצן אַ 200,000-גאַלאַנישער וואַסער סטאָרעדזש טאַנק און אָפּגרעיד׳ן די עקזיסטירנדע בוּסטער פּאָמפּ סטאַנציע.
- ווילעדזש אָוו האָובאַרט אין דעלעווער קאַונטי - 473,400 דאָלערדיגע DWSRF גרענט און 315,600 דאָלער אין קורץ-טערמיניגע, אינטערעסטלאָזע פינאַנצירונג צו בויען צוויי נייע וואַסער סופּליי קוועלער, ערזעצן עקזיסטירנדע פילטער פּאָמפּס, ערזעצן אייזן/מאַנגאַנעזישע פילטער מידיע און אָפּגרעיד׳ן וואַסער באַהאַנדלונגס פאַבריק פּראָצעס פּייפּינג.

- מאנהאסעט-לעיקוויל וואסער דיסטריקט אין נעסאו קאונטי - 7,476,600 דאלערדיגע WIIA גרענט צו אינסטאלירן א נייע פארגעשריטענע אקסידאציע פראצעס באהאנדלונג סיסטעם און גראנולאר-אקטיווירטע קארבאן קאנטאקטארן אויף אוועקצונעמען אויפקומענדע פארפעסטונגען פון צוויי קוועלער ביי סיערינגטאון ראוד פאבריק נומער 1.
- ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט - 100,000,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט-ראטע פינאנצירונג פאר דאס אויספלאנירן און בויען דעם קראטאן וואסער פילטרעישען פאבריק און פארבינדענע איינריכטונגען (פאזע 15).

**ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן ווערן געמוטיגט זיך צו באטייליגן אין ריינע וואסער-אפשיידן נויטיגט זיך אין אן סורוועי**

EFC מוטיגט מוניציפאליטעטן זיך צו באטייליגן אין דעם ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור (EPA) ריינע וואסער-אפשיידן געברויכן אנקעטע (CWNS), וועלכע EFC האט געשטעלט אין גאנג אין ניו יארק אום מערץ 1. אנטיילנעמען איז קריטיש-וויכטיג, ווייבאלד עס קען אפעקטירן וויפיל פעדעראלע ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פינאנצירונג וועט ווערן צוגעטיילט צו ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן צוקונפטיגע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מוניציפאליטעטן ווערן געבעטן גרייט מאכן דאקומענטן איבער זייער קאמיוניטי׳ס אפפאל-וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן אויף אריינצוגעבן צו EPA. גייט צו www.efc.ny.gov/needs אריינצוגעבן דאקומענטן און פאר הילפס-מיטלען ארויסצוהעלפן מיט׳ן איינגעבן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן